ליטווינער אינטעליגענטן וואָס זאָגן דעם אמת

פֿון הירשע־דוד קאַץ (ווילנע)
ספּעציעל פֿאַרן ייִדישן פֿאָרווערטס

סאָולוס בערזשיניס

די היסטאָריקער פֿונעם חורבן ווייסן זייער גוט, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע גרויזאַמקייטן און אַכזריותן וואָס די דײַטשן זײַנען באַגאַנגען קעגן אייראָפּעיִשע ייִדן, בלויז דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען ייִדן, אין משך פֿון די יאָרן ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין ערשטן פּעריאָד פֿון די מלחמה־יאָרן גופֿא, האָט די עצם מאַסן־שחיטה פֿון הונדערטער טויזנטער פֿרויען און מענער, זקנים און קינדערלעך – אַ גאַנצע באַפֿעלקערונג – זיך גענומען אין וועג ערשט נאָך היטלערס אָנגריף אויף די רוסיש־פֿאַרכאַפּטע טעריטאָריעס אין יוני פֿון 1941סטן יאָר.

דאָס האָט פּאַסירט אין ליטע און אין די שכנותדיקע לענדער. לאַ־די וואָס די דײַטשן האָבן ניט געדאַרפֿט „איבערצײַגן" די לאָקאַלע באַפֿעלקערונג (און איר פּאָליטישער, אינטעלעקטועלער און רעליגיעזער אָנפֿירערשאַפֿט) אין דער נייטיקייט אויסצושעכטן אַלע ייִדן. פֿאַרקערט, אַ סך ליטווינער האָבן ניט נאָר קאָלאַבאָרירט מיט די דײַטשן, זיי האָבן גערן אַלײַן אויסגעפֿירט די ראָלע פֿון מאַסן־מערדער (די טרויעריק באַרימטע „ייִדן־שיסער", וואָס די ליטווישע שפּראַך האָט אַפֿילו אַ ספּעציעל וואָרט פֿאַרן באַגריף). נאָכמער ליטווינער נאַציאָנאַליסטן האָבן אויף אַ בעסטיאַלן אופֿן אויסגעקוילעט טויזנטער ייִדן אין די טעג און וואָכן נאָך איידער די דײַטשן האָבן באַוויזן אויפֿשטעלן זייער אַדמיניסטראַציע אין די דעמאָלט ערשט פֿאַרכאַפּטע שטחים.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מ׳קען ניט באַשולדיקן אַ גאַנץ פֿאָלק. אַ סך הונדערטער ליטווינער, צדיקי־אומות־העולם, האָבן ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן און מיטן לעבן פֿון זייערע משפּחות און אויסבאַהאַלטן ייִדן. צום באַדויערן אָבער, האָבן אָן אַ שיעור מער מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס.

אין משך פֿונעם האַלבן יאָרהונדערט פֿון דער סאָוועטישער מאַכט, האָבן די דערציִונגס־אינסטאַנצן ניט געלייגט קיין איבעריקן טראָפּ אויף דער נאַציאָנאַלער ייִדישער טראַגעדיע.

נאָר אין גאַנג פֿון די צען יאָר פֿון זינט עס האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿאַלן דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ מאָדערנע, דעמאָקראַטישע ליטע, וואָס איז זייער נײַגעריק זיך אָנצושליסן צום „מערבֿ" און זײַנע אינסטיטוציעס (בתוכם „נאַטאָ" און דעם אייראָפּעיִשן פֿאַראיין) איז דער ענין „חורבן" געשטעלט געוואָרן הויך אויפֿן סדר־היום, סײַ דורך די אייראָפּעיִשע אָרגאַניזאַציעס גופֿא, סײַ דורך ייִדישע גרופּעס איבער דער וועלט (צווישן זיי די פֿאַראיינען פֿון ליטווישע ייִדן אין ישׂראל און אַמעריקע און דער „וויזנטאַל צענטער" אין ירושלים). און אפֿשר מער פֿון אַלצדינג, צוליב דער נאָכאַנאַנדיקער אומדערמידלעכער אַרבעט פֿון דער קליינער ייִדישער קהילה אין ליטע גופֿא, מיט זײַן האַרציקן איבערגעגעבענעם פּרעזידענט, ד״ר שמעון אַלפֿעראָוויטש בראָש.

געבליבן איז אָבער פֿאָרט, אַז ווייניק, גאָר ווייניק ליטווינער זײַנען גרייט צו קוקן דעם היסטאָרישן אמת אין די אויגן אַרײַן. ווי עס האָט אונדז אָנומלט אַ זאָג געטאָן אַ מיטלשול לערער: „אונדזער יוגנט איז פֿאַראינטערעסירט צו ווערן אַ טייל פֿון דער נײַער אייראָפּע, זיי גייט ניט אָן וואָס ס׳האָט דאָ פּאַסירט אין 1941 אָדער אין 1841..."

צווישן אינטעלעקטואַלן איז עס בדרך־כּלל (ווי דער שטייגער איז) נאָך ערגער: מ׳איז אַרויס מיט אַ „טעאָריע פֿון אַ טאָפּלטן גענאָציד": די סאָוועטן (דאָס איז געוואָרן אַ מין „אָנצוהערעניש־וואָרט" וואָס „דאַרף" ברענגען אויפֿן געדאַנק דעם באַגריף „ייִדישע קאָמוניסטן") „האָבן פֿאַרשיקט אין סיביר און אויסגעהרגעט אַ סך ליטווינער, און די דײַטשן האָבן אויסגעהרגעט די ייִדן..."

דאָס איז פֿאַרשטייט זיך „יענע סימעטריע", וואָס נעמט אַפֿילו ניט אין באַטראַכט אַז פּראָפּאָרציאָנעל האָט די ראַטנמאַכט גאָר פֿאַרשיקט מער ייִדן אין סיביר איידער ליטווינער. נאָר דאָ איז, פֿאַרשטייט זיך, איבעריק צו זוכן לאָגיק און אַרײַנלאָזן זיך אין פּאָלעמיקעס. די גרויליקע היסטאָרישע פֿאַקטן זײַנען פֿון לאַנג מעסט דאָקומענטירט.

אונדזער הײַנטיקן „ווילנער קאַפּיטל" ווידמען מיר די יחידי־סגולה צווישן דער ליטווינער אינטעליגענץ וואָס קעמפֿן בלב־ונפֿש, העלדיש ממש, אַז די ברייטע ליטווישע געזעלשאַפֿט בכלל און די דערציִונגס און מעדיאַ אינסטאַנצן בפֿרט, זאָלן וויסן דעם גאַנצן אומפֿאַרפּוצטן אמת וועגן ליטווינערישן אָנטייל אינעם חורבן.

* * *

סאָולוס בערזשיניס, אַ הויך טאַלאַנטירטער רעזשיסאָר פֿון דאָקומענטאַרע פֿילמען (הײַנט איז ער אַ יאָר פֿופֿציק) האָט מיט העכער צען יאָר צוריק געכאַפּט אַ „מיאוסן פּסק" אין אַמסטערדאַם ווו ער איז געווען צוגאַסט אויף אַ פֿילם־פֿעסטיוואַל. אַ האָלענדישער קולטור־מיניסטער האָט אים קיין האַנט ניט געוואָלט געבן, דערקלערנדיק אַז ער גיט ניט קיין ליטווינער די האַנט צוליב דער קאָלאַבאָראַציע מיט די נאַציס.

דער יונגער ליטווינער רעזשיסאָר האָט ניט פֿאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט. מיט אים האָט קיינער ניט געלערנט, אַז ליטווינער האָבן אַוועלכע ניט איז שײַכות געהאַט מיטן שיסן ייִדן.

אָנשטאָט צו בלײַבן אַ באַליידיקטער, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים קיין ווילנע און באַשלאָסן, שיִער ניט ווי פּרצעס ליטוואַק אין דער דערציילונג „אויב ניט נאָך העכער", אַז ער מוז דערגיין די זאַך. אין ווילנע האָט ער אויסגעזוכט צוויי זקנות, ריווע און ציפּע לאָזאַנסקי, וועלכע האָבן זיך מיידלווײַז באַהאַלטן אין די קוסטן בעת זייערע ליטווינער שכנים האָבן אויסגעשאָסן אַלע ייִדן פֿון זייער שטעטל, בוטרימאַנץ (הײַנט: בוטרימאָניס, אין אַליטער געגנט). זיי האָבן עס אַלץ געזען. סאָולוס בערזשיניס האָט בײַ די שוועסטער געבעטן זיי זאָלן פֿאָרן מיט אים אין בוטרימאַנץ. דאָרט האָט ער זיי געבעטן אים אָנווײַזן אַוועלכע אײַנוווינער אין שטעטל האָבן געשאָסן ייִדן (מערסטע האָבן די סאָוועטן שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿאַרמשפּט אויף תּפֿיסה. זיי זײַנען פֿון לאַנג אָפּגעזעסן).

בערזשיניס האָט אין עטלעכע טעג אַרום זיך אומגעקערט מיט זײַנע פֿילם־טעכניקער, און אויסגעזוכט די ייִדן־שיסער. אויסנוצנדיק „וואָס אין דער קאָרט" האָט ער ביסלעכווײַז איבערצײַגט אַ טוץ מערדער זיי זאָלן שוין לאַנג דערציילן וועגן זייערע מעשׂים. אָט אָ דער אַרכיוו וועט נאָך אָנערקענט ווערן ווי איינער פֿון די וויטיקסטע חורבן דאָקומענטן; דאָ איז אָבער דער עיקר אָט וואָס: בערזשיניס איז געוואָרן אַן אומדערמידלעכער קול פֿון איבערגעבן דעם היסטאָרישן אמת אין דער ליטווישער מעדיאַ.

* * *

פּראָפֿעסאָר ליודאַס טרוסקאַ

אַ גאָר שאַרפֿן קאָנטראַסט מיטן כאַריזמאַטישן פֿילם־רעזשיסאָר שטעלט מיט זיך פֿאָר דער „שטרענג־טרוקענער" פּראָפֿעסאָר ליודאַס טרוסקאַ. אָנהייב נײַנציקער יאָרן האָט ער זיך גאָר מתוכּח געווען מיט ייִדישע מומחים פֿון ישׂראל וועגן דעם ליטווינער אָנטייל אינעם גענאָציד. אַז ער האָט גענומען זוכן אין די אַלע אַרכיוון האָט ער אויסגעפֿונען, אַז דער אמת איז נאָך ערגער און גרויליקער ווי עס האָבן דערציילט די ייִדישע געלערנטע.

דאָס איז ממש אַן אַלטמאָדישער היסטאָריקער וואָס „גייט וואוהין עס פֿירן אים די פֿאַקטן". טרוסקאַס אַרבעטן וועגן חורבן ליטע וועלן אייביק פֿאַרבלײַבן קלאַסישע מוסטערן פֿון היסטאָרישער אָרנטלעכקייט און פֿולשטענדיקייט, ווי אַנגעווייטיקט דאָס זאָל ניט זײַן. פֿון זײַנע פֿאָרשונגען ווערט קלאָר, אַז צענדליקער טויזנטער פֿון זײַן פֿאָלק האָבן געהאַט אַ האַנט אינעם גענאָציד.

פּראָפֿעסאָר טרוסקאַ שפּאָרט ניט קיין מי אָפּצוענטפֿערן זײַנע קאָלעגן־היסטאָריקער וועלכע פּרובירן עד־היום אויסדרייען זיך פֿונעם אמת. איינע פֿון זײַנע אַרבעטן הייבט זיך אָן: „צום אייביקן שאַנד פֿון ליטע איז דאָס אַ לאַנד פֿול מיט קבֿרים פֿון אומשולדיקע אויסגעמאָרדעטע ציווילע מענטשן – ייִדן".

ניט אומזיסט האָט דער ווילנער ייִדישער אינסטיטוט בײַם ווילנער אוניווערסיטעט אויסגעקליבן פּראָפֿעסאָר טרוסקאַן פֿאַרן לעקטאָר פֿון חורבן־שטודיעס.

* * *

לינאַס ווילדזשיונאַס

אַ דריטער כּח איז ניט קיין יחיד, נאָר וואָרען – אַ ספּעציעל אויפֿגעקומענע אינסטיטוציע: „דאָס הויז פֿון געדענקען". אָן ערך פֿופֿצן ליטווינער, מערסטנטייל יונגע אינטעלעקטואַלן, האָבן אויפֿגעשטעלט די אינסטיטוציע לויטן מוסטער פֿון סטיוון סמיטה אין ענגלאַנד וועלכער האָט אויסגעבויט אַ חורבן־מוזיי, „בית שלום", אין נאָטינגהאַם, ענגלאַנד, מיטן הויפּט־מאָטיוו אַז: „דער חורבן איז פֿאָרגעקומען אין קריסטלעכע לענדער, ער איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך קריסטן און דערפֿאַר איז דאָס אַלעמערשטנס אַ קריסטלעכע, ניט קיין ייִדישע פּראָבלעם".

אין דער גרופּע געפֿינען זיך גאָר אינטערעסאַנטע מענטשן: דער יונגער יאָנאַס מאַרקוס, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט העברעיִש, האָט פֿאַרבראַכט אַ יאָר אין ישׂראל, און האָט איבערגעזעצט פּראָפֿעסאָרס דובֿ לעווינס אַ בוך וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין ליטע פֿון העברעיִש אויף ליטוויש. ער, מיטן רעזשיסאָר וואַידאָטאַס רעוויטיס, האָבן געמאַכט אַן ערשטקלאַסיקן דערציִונגס־פֿילם אויף ליטוויש, אָריענטירט אויף די ליטווישע קינדער און מיטלשולן; אַ גאָלדענע אַרבעט ממש.

דער פֿאָרזיצער פֿונעם „הויז פֿון געדענקען" איז אַ באַרימטער זשורנאַליסט אין ליטע, לינאַס ווילדזשיונאַס, וועלכער שפּאָרט ניט קיין מי צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם גאַנצן אמת, ווי אויך צו באַקענען דעם אינטעליגענטן לייענער מיט דער רײַכקייט פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער ליטוויש־ייִדישער קולטור.

אין אַ רויִקן מאָמענט בײַ אַ טעפּל קאַווע, האָב איך בײַ אים אַמאָל געפֿרעגט, ווי אַזוי איז ער געקומען צודערצו. זײַן ענטפֿער איז געווען: „מיט יאָרן צוריק בין איך געווען צוגאַסט אין ישׂראל בײַ ייִדישע חבֿרים וואָס זײַנען געקומען פֿון ווילנע. זיי האָבן מיך געפֿירט אין ׳יד־ושם׳. אויף די אַלע בילדער האָב איך דערזען, אַז די נידערטרעכטיקע מערדער וואָס ברענגען אום מאַסן ציווילע מענטשן זײַנען גאָרניט קיין דײַטשן נאָר אונדזערע ליטווינער ׳פּאַרטיזאַנער׳ מיט די ווײַסע אָרעם־בענדלעך, וואָס אונדז האָט מען געלערנט, אַז דאָס זײַנען געווען העלדן אין קאַמף קעגן דער סאָוועטישער אָקופּאַציע. דאָס האָט אויף אייביק געענדערט מײַן לעבנסוועג".

* * *

פּראָפֿעסאָר מאיר שוב

צום סוף, אַ וואָרט וועגן די צוויי ייִנגסטע אמת־זאָגער צווישן ליטווינער אינטעלעקטואַלן. דאָס זײַנען צוויי יונגע פֿרויען, ביידע אין די פֿריִ׳ע צוואַנציקער, ביידע געוועזענע סטודענטקעס בײַם באַוווסטן פּראָפֿעסאָר מאיר שוב. ווען זיי האָבן געזוכט טעמעס אויפֿן געביט פֿון ייִדישער געשיכטע, האָט ער זיי רויִקערהייט געגעבן אַן עצה, זיי זאָלן שרײַבן וועגן די מלחמה יאָרן אין זייערע אייגענע געבוירן־שטעט. רוטאַ פּוישיטע האָט געשריבן אַן אַרבעט וועגן דעם חורבן אין יורבעריק (יורבורג, הײַנט יורבאַרקאַס) און האָפֿט בקרובֿ צו געפֿינען אַן אוניווערסיטעט אין אויסלאַנד וווּ זי וועט קענען שרײַבן אַ דאָקטאָראַט וועגן דעם חורבן אין ליטע. נערינגאַ לאַטוויטע האָט געשריבן וועגן חורבן אין ווילקאָמיר (הײַנט הייסט די שטאָט: אוקמערגע). ביידע אַרבעטן זיי געטרײַ אין ווילנער חורבן־מוזיי מיט וועלכן עס פֿירט אָן רחל קאָסטאַניאַן.

דער טײַערער, קלוגער פּראָפֿעסאָר מאיר שוב טוט דערוועגן אַ זאָג: „זעט איר, איך האָב זיי נאָר געעצהט שרײַבן וועגן זייערע שטעט. ווען זיי זײַנען געוואויר געוואָרן וואָס האָט דאָרטן פּאַסירט און וואָס זייערע זיידעס דור האָט אָפּגעטאָן, האָבן זיך בײַ זיי די האָר אויפֿגעשטעלט קאַפּויער. זיי זײַנען ביידע טיף־ערלעכע מענטשן, האָבן זיי ניט נאָר געשריבן דעם גאַנצן אמת; זיי האָבן באַשלאָסן ווידמען זייער צוקונפֿט פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון גרויסן חורבן דאָ אין ליטע".